# אוצר השבת

ארויסגעגעבן פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## מצות קידוש

**הרב הקדוש רבי לוי יצחק מבארדיטשוב זי"ע** האט געזאגט אז יעדן שבת און יום טוב ווען די שכינה זעהט אונזערע שבת'דיגע טישן וואס זענען אזוי הערליך אנגעגרייט לכבוד שבת, די גאנצע משפחה צוזאמען זיצן מיט א דרך ארץ לכבוד די שכינה וואס רועט ביים טיש, גייט די שכינה ארויף אין הימל און ריהמט זיי פאר הקדוש ברוך הוא, און זאגט די בשורה טובה: 'מיינע קינדערלעך עסן שוין'. **צוואת אבא עמ' כ"ט אות ח'**

### יעדע סעודה איז משפיע אויף צוויי טעג

**דער** מן איז נישט געפאלן אום שבת ווייל פון דעם שבת זענען אלע זעקס טעג פון דער וואך געבענטשט געווארן. דער סדר ווי אזוי די זעקס טעג זענען מקבל זייערע השפעות פון שבת איז אזוי: די סעודה פון פרייטאג צונאכטס און די תפלה פון קבלת שבת זענען משפיע אויף די ערשטע צוויי טעג פון דער וואך, זונטאג און מאנטאג. די סעודה פון שבת בייטאג מיט די תפלות פון שבת בייטאג זענען משפיע אויף דינסטאג און מיטוואך. די דריטע סעודה, שלש סעודות, מיט תפלת מנחה זענען משפיע אויף דאנערשטאג און פרייטאג.

***ילקו"ר פ' בשלח ע"פ והיה ביום הששי,***

**דאס** עסן פון שבת איז בכלל נישט כדי מען זאל זאט ווערן, נאר כדי די זעקס טעג פון דער וואך זאלן דורך דעם ווערן געבענטשט.

***נפש יתירה מערכת ש' אות כ"ט***

**דאס** עסן און טרונקען אום שבת איז מתקן אויף דאס וואס מען האט געגעסן א גאנצע וואך לשם תאוה. א משל דערצו שטייט אין די ספרים, אויף איינעם וואס איז פארבלאנדזשעט געווארן צווישן עטליכע רויבער וואס האבן אים געוואלט הרג'נען. צווישן די רויבער איז אבער געווען איין רויבער וואס האט דערקענט אז דער מענטש קומט פון זיין שטאט, און ער האט אים געראטעוועט פון א זיכערן טויט. דער נמשל איז אז דאס עסן אום שבת ראטעוועט פון און איז מתקן אויף די תאוות פון עסן פון א גאנצע וואך.

***מנחת שבת סי' ע"ב אות כ"ח בשם גדול אחד***

### חילוקים צווישן סעודת שבת און סעודות חול

דער חילוק צווישן סעודת שבת און סעודת חול איז, אז ביי די וואכנדיגע סעודה מוזן מיר אליין מברר זיין די מאכלים כדי מעלה צו זיין די נצוצין פון די מאכלים צו זייער שורש. אבער אויף די מאכלי שבת רועט א העכערע קדושה ביז צו זייער שורש וואס איז גאר הויך, אז מיר דארפן דאס מער נישט מעלה זיין. ממילא קומט פון הימל צו דעם מענטש א גאר הויכע ליכטיגקייט, אז מען דארף מער נישט מעלה זיין די ניצוצין פון די מאכלי שבת.

לויט דעם איז אבער שווער, פארוואס זעען מיר דאס פארקערטע, אז מענטשן ווערן נאכן עסן די סעודות שבת זייער שטארק מגושם, זיי קענען זיך נישט רירן פון זייערע פלעצער, וואס דאס איז דאס פארקערטע פון קדושה?

**דער** טעם קען זיין לויט ווי די גמרא [שבת קי"ט] ברענגט, אז דער קיסר האט געפרעגט רבי יהושע בן חנניא פארוואס דאס געקעכטס פון שבת שמעקט אזוי גוט, האט רבי יהושע בן חנניא אים געענטפערט אז מיר האבן א תבלין וואס זיין נאמען איז שבת וואס מיר לייגן אריין אין דעם מאכל, וואס פון דעם שמעקט דער תבשיל.

האט דער קיסר געבעטן מען זאל אים געבן דערפון, האט רבי יהושע בן חנניא אים געענטפערט, אז בלויז פאר ווער עס הוט דעם שבת נוצט דאס, אבער פאר דער וואס הוט נישט דעם שבת נוצט דאס נישט.

זעען מיר פון די גמרא, אז אפילו עס רועט אויף די מאכלי שבת א העכערע קדושה, נוצט דאס נישט אויב מען היט נישט אפ דעם שבת. די מענטשן

וואס זענען ווייט פון קדושת השבת, זיי מיינען אז אום שבת מעג מען עסן וויפיל עס איז נאר מעגליך, זיי עסן פונקט ווי א בהמה וואס פילט שטענדיג אן זיין בויך, די מענטשן זענען מגשם די מאכלי שבת אז זיי פארלירן די קדושה. מען קען דאס זען בחוש אז אנהייב שבת ביים דאווענען שפירט יעדער איד א העכערקייט און א תענוג שבת, אבער ווען מען קומט אהיים, פון נאכן עסן די סעודה ווען דער בויך איז פול, שפירט מען עס שוין נישט מער, ווייל דער קדושת השבת איז ווי א שאטן וואס פליעט אוועק זייער שנעל.

דעריבער דארף מען זען אז מען זאל עסן די סעודות שבת מיט די כוונה נישט צו פארטרייבן די ליכטיגקייט וואס קומט אראפ פון די ניצוצין פון די מאכלי שבת.

**שלחן הטהור מאמרי שבת קודש דף רפ"ט:**

## עסן לכבוד שבת

**דער** הייליגער רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע האט אמאל געזעהן א איד וועלכער האט געכאפט די מאכלי שבת צו קענען שנעל עסן, און האט נאך דערצו געזאגט אז ער עסט נאר לכבוד שבת. האט אים דער רבי ר' אלימלך גע'מוסר'ט: ביז ווילאנג מען האט נאכנישט מתקן געווען די מידות אז מען זאל נמאס ווערן פון גשמיות, מיינט מען אז מען עסט לכבוד שבת, אבער דער אמת איז נישט אזוי. **אמרי אלימלך משפטים ד"ה כי תקנה**

**איך** האב געהערט פון אלטע חסידים, אז הגה"ק בעל ישמח משה זי"ע פלעגט שבת בייטאג ביי די סעודה זיך פירן אנדערש פון די גאנצע וועלט, וועלכע עסן די פיש אנהייב סעודה, און ער פלעגט עסן די פיש הערשט סוף סעודה פארן בענטשן.

**אמאל** האט אים איינע פון זיינע נאנטע חסידים געפרעגט דעם טעם דערפון, האט ער אים געענטפערט אזוי: איך וועל דיר זאגן דעם פשוט'ן טעם. איך האב זייער ליב פיש, מער ווי אנדערע מאכלים. וויבאלד שבת בייטאג ענדיג איך שפעט דאס דאווענען, עטליכע שעה נאך חצות, איז ביז איך קום אן אהיים אין שטוב איז שוין מיין הארץ פאר'חלש'ט, עס גלוסט זיך מיר שטארק צו עסן, און אויב וואלט מען מיר תיכף געברענגט די פיש וואלט מיר זייער שווער געווען אינזין צו האבן די ריכטיגע כוונה וואס מען דארף אינזין האבן בשעת מען עסט פיש, צוליב די גרויסע תאוה צו עסן די פיש.

**דעריבער**ווארט איך מיט די פיש ביז סוף סעודה, ווייל דעמאלטס איז שוין מיין הונגער נישט אזוי שטארק, איז מיר פיל גרינגער מכוין צו זיין די ריכטיגע כוונות.

**פרי אהרן על חג המצות אות י"ג**

## עסן בלויז מאכלי שבת

ביי די סעודות שבת דארף מען זיין געווארנט צו עסן שבת'דיג, מען עסט בלויז אזעלכע מאכלים וואס ברענגען ארויס א שייכות צו די שבת'דיגע סעודה. יעדע שבת'דיגע סעודה טוישט זיך צו אנדערע מאכלים - דאס לערנט אונז אז יעדע מאכל עסט מען צוליב עפעס אן אנדערע סיבה. די דריי סעודות פון שבת האבן אויך א ספעציעלע סדר ווען מען דארף עסן יעדע מאכל, און אויך האט יעדער מאכל אן ענין פארוואס מען עסט דוקא דעם מאכל, דעריבער פירן זיך די אידן וועלכע פארשטייען אז דער סעודת שבת האבן אין זיך א העכערקייט פון קדושה וועלכע איז משפיע מער רוחניות ווי גשמיות, נישט צו עסן ביי די סעודות שבת וואכנדיגע מאכלים אדער סאלאטן וועלכע האבן נישט קיין שייכות צו סעודות שבת, כדי נישט צו מאכן דעם טפל פאר אן עיקר און דער עיקר פאר א טפל.

עס ווערט דערציילט אז הרב הקדוש **רבי שלום אליעזר זצ"ל** [זוהן פון הייליגן דברי חיים מצאנז זי"ע] איז אמאל געווען אויף שבת אינעם שטאט עטשעד. ביי די סעודת שבת האט דער משמש אריינגעברענגט א מאכל צום טיש, און רבי שלום אליעזר זצ"ל האט געזאגט אז אין צאנז ביים טאטן האט מען דעם מאכל נישט געגעסן שבת.

האט מען אים געפרעגט: וואס אהרט דעם רבי'ן דאס צו עסן? האט ער געענטפערט: ווען דער טאטע איז נסתלק געווארן בין איך נאך געווען גאר יונג, און איך קען נישט די כוונות פון עסן. דעריבער עס איך מיט די כוונות פון מיין טאטן זי"ע, און א מאכל וואס ער האט נישט געגעסן שבת קען איך נישט עסן.

**שיח זקנים דף רפ"ו**

אויך זענען יראי ה' מדקדק נישט צו עסן אום שבת איבערגעבליבענע געקאכטע אדער געבאקענע מאכלים אויב זיי זענען נישט געקאכט אדער געבאקן געווארן ספעציעל לכבוד שבת קודש, ווייל וויבאלד מען האט זיי נישט אנגעגרייט לכבוד שבת האבן די מאכלים נישט קיין שייכות צו די קדושת סעודת שבת.

טייל זענען נאך מער מדקדק אז זיי עסן נישט דאנערשטאג ביינאכט קיין טשאלנט און אויך נישט פון די מאכלים וועלכע מען האט שוין געקאכט לכבוד שבת, כדי עס זאל נישט זיין קיין בזיון פאר שבת קודש, אז עס וועט אויסזעהן אז שבת עסט מען די מאכלים וועלכע זענען איבער געבליבן פון דאנערשטאג, וד"ל.